## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



שבת הגדול: איך זאג אייך, אז אלע לענדער וועלען איינפיהרען די רעוואלוציע א חוץ דייטשלאנד.

קורצער פרייטאג: פארוואס נישט דייטשלאנד?

שבת הגדול: ווייל דייטשלאנד האט שוין סיי ווי אין דער וועלט א שלעכטע מארקע.

## הארמאטען אנשטאט פוטער

רודאלף העס, דער פארטיי־פערטרעטער פונם היטלער, האט — רעדענדיג וועגען דער שלעכטער אפראוויזאציע פון דער דייטשער בעפעלקערונג — ערקלערט: „אונזער וויכטיגע לאזונג איז „הארמאטען אנשטאט פוטער".

פרעגט זיך א פראגע: וואס פאר א צוזאמענהאנג האט פוטער מיט הארמאטען? צו הארמאטען ברויכט מען דאך גאר פלייש? איז דער תירוץ: אז די נאציס דערזעהען דעם „פיהרערס" הארמאטען, צעשמעלצען זיי זיך אזוי ווי פוטער.

א. איטקין

## שניידערישע תורה
### פארוואס מאכט ער אזעלכע הויזען?

א שניידער האט פון א היגען יתומים־הויז בעקומען א בעשטעלונג אויף הונדערט פאר הויזלעך. אפגערענדיג די הויזלעך, זאגט דער פרעזעס צום שניידער:

— ר׳ צדוק, די הויזלעך האבען דאך אינגאנצען נישט קיין הינטענס?

האט דער שניידער א שמייכעל־געטון און געענטפערט:

— די הויזלעך זענען דאך פאר יתומים, און די גמרא זאגט: „יתומי לאו בני מחילה ניהו..."

## ער קווטשעט זיך
### שמועס אין די האלעס

ערשטער: איז דאס אמת, אז וויטמער קארטשעט זיך אליין?

צווייטער: יא, ס׳איז אמת, נעכטען איז צו מיר געקומען דער פעקוועסטראטאר, האט ער אויף מיר א קאלטען קוק־געגעבען, האט זיך באלד איינגעקארטשעט הונדערט זלאטים.

## אייביג פיהרט מען

ציערשט פיהרט מען א ליבע, דערנאך פיהרט מען א קינדער־וועגעלע, און שפעטער פיהרט מען — א קריג.

## פערדער - שפריצען

אז א חכם רעדט ליגט ער צו קאפ, און אז א נאר רעדט, ליגט ער צו דייד.

א מענטש, וואס האט בעשלאסען צו בעגעהן א נארישקייט, וועט איבערקומען אלע שוועריגקייטען, וואס שטעהען איהם אין וועג, צו דערגרייכען זיין ציל.

דער וואגען פון „פראגרעס" קען נישט נעפיהרט ווערען פון פערד.

קאלטע דענקער האבען אמאל הייסע אנהענגער.

א געוועהנליכער מענטש ארבייט נאר איינמאל אויפן געלד, דער קארגער אבער צוויי מאל: ביים פערדינען און ביים אויסגעבען.

## איידעלקייט

— איך בין געקומען זיך ענטשולדיגען פאר אייך, ליבער שכן מיינער, פאר מיין האן, וועלכער האט א תל געמאכט פון אייערע בלומען.

— וואס רעדט איהר, איהר דארפט דאך מיר גאר ענטשולדיגען, ווייל מיין קאץ האט נאר וואס דערשטיקט דעם האן.

— ס׳מאכט נישט אויס, ווארום מיין הונט האט נאר וואס צעביסען אייער קאץ.

— אויב אזוי איז גוט, ווייל מיין מאן האט נאר וואס איבערגעפאהרען אייער הונט...

## זיי זוכען „פיאנטקעס"

— מיט וואס איז א היינטיגער סוחר גלייך מיט א שילער?

— בײדע לעכצען צו בעקומען א פיאנטקע (דער סוחר וויל א פאטענט 5־טע קאטעגאריע).

א. איטקין

## ער איז א „רואה את הנולד"
### אנ׳איינפאל פון א גנב.

א בעקאנטער גנב, האט זיך אנגעטון א נייעם פאלטען, פון פארענט א גראנאטע שטאף און פון הינטען — ברוין, פרעגט מען איהם:

— זרח׳ל, פארוואס האט דיין פאלטען צוויי פארבען?

— גאר פשוט: מיאמער כאפט מען מיך ביי א „שטיקעל ארבייט", זאלען די עדות אין געריכט זיך פלאנטערן אין די רייד; איינער וועט זאגען, דער גנב האט געטראגען א גראנאטענעם פאלטען, און דער צווייטער וועט זאגען — א ברוינעם.

## אין ענדעקישען געוועלב

אין איינעם פון די אין לאדז ניי־געעפענטע ענדעקישע געוועלבער, פרעגט א קונה:

— פאניע, פארוואס קאסט ביי אייך אלץ טייערער ווי אין די יודישע געשעפטען?

— ווייל איך בין א פאטריאט, איז ביי מיר יעדע זאך אין פוילען טייערער ווי ביי די זשידעס.

## געזעלשאפטליכעס

די דירעקציע פון דער גימנאזיום „לקח טוב" בעט די עלטערען, זיי זאלען די קינדער אנטון האלבע הויזען, ווייל די פעדאגאגען קענען זיך נישט קיין עצה געבען מיטן אפשמייסען.

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: דו ווייסט טרייטעל, די וואהלען אין לאדז, האבען די ענדעקעס געעפענט די אויגען.

טרייטעל: יא, און זיי האבען געעפענט — קעפ!

## חתן כלה

ריכטער (צו די בעשולדיגטע): איהר ווערט בעשולדיגט, אז איהר בײדע, זייענדיג, חתן־כלה, האט בע׳גנב׳עט די וואוינונג פון די בעלי־בתים, וואו די כלה האט געדינט, מיט וואס קאנט איהר זיך פערטיידיגען?

כלה: איך בין אבסאלוט נישט שולדיג, ווייל איך האב גאר נישט גענומען. איך האב נאר געזאגט מיין חתן, ווען די הערשאפט זענען נישטא אין דער שטוב.

חתן: איך האב טאקע נישט גערעכענט צו גנב׳ענען, ווייל איך האב נאר גענומען אויפן חשבון פון נדן.

א. איטקין

## איהר שרעקליכער חלום
### פון וואס חלומ׳ן ווייבער

אין מיטען נאכט, שרייט דאס ווייבעל פון שלאף:

— הילף... ראטעוועט!

— בײלע, בײלע, וואס איז געשעהען?

— אוי, ס׳האט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אז ראמעק לופטשיק איז אריינגעפאלען אין וואסער.

— ראמעק לופטשיק? ווער איז ער?

בײלע פערטראכט זיך א ווײלע און ענטפערט:

— דו קענסט איהם נישט. כ׳האב איהם ערשט מיט 10 מינוט צוריק בעקענט אין שלאף.

## אין דער שולע

לעהרער: ווער פון אייך, קאן מיר בעצייכענען דעם אויסדרוק פון „ווייניג" און א „סך"?

שילער: איך, למשל איין ציגעל — איז צו ווייניג צו בויען א הויז און איין ציגעל אין דער האנד פון אנ׳ענדעק, איז שוין צופיל...

## א לעהרער אין פענסיאנאט

— איך בין געווארען א לעהרער אין פענסיאנאט.

— וויפיל געהמסטו?

— איך צאהל נאך צו.

— וואס פאר א לעהרער איז דאס?

— איך לעהר דארט אויס די טעלער.

## דער „ארענדאווניק" איז גערעכט

דער „ארענדאווניק" שרייבט, אז די נייע יודישע ראטמענער רעדען שלעכט פויליש.

ס׳איז קיין וואונדער נישט; ווי קאן דעם „ארענדאווניק" געפעלען א פויליש, אין וועלכען עס איז נישטא קיין „דאכאלערי", „פשאקרעוו", „דא באראבי" א. אז. וו.?

# דער קונדס

● הומאר ● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בײלאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 237 פרייטאג, דעם 16 אקטאבער 1936

## פערזארגט מיט „כל-טוב"...




יודען: נישט געזארגט! ס׳געהט וואהלען, יעדע פארטיי וועט געבען „עפעס אנדערש" — ס׳וועט שוין גוט זיין!...

